לויט די הייליקע ספרים ווערט גלייכצייטיק נאך עפעס אנגעמערקט אין פסוק און נעמלעך: היטנדיק די מצות איידלט זיך דער מענטש, ער איידלט זיינע 613 גלידער און אדערן, דען ווי אויבן אנגעמערקט זענען די 613 מצות אנטקעגן די 613 מענטשלעכע גלידער און אדערן. עס מיינט אלזא: די 613 מצות שטעלט פאר דעם מענטש מיט זיך זעלבסט, אין אים ווערן זיי צוזאמענגע-שטעלט, ער זעלבסט באדייטעט — די ג-טלעכע געבאטן, און זיי, די ג-טלעכע געבאטן, דארף ער היטן. און דאס מיינט: „ואת מצותיו שמור" און זיינע 613 מצות — היט „כי זה כל האדם", ווייל דאס איז דער גאנצער מענטש. ער, דער מענטש, מיט זיין גאנצן צוזאממנשטעל איז דאס זעלבע — די זעלבע 613.

## 4. תמים תהי' עם ה' א-ך (שופטים)

ס'איז דער אויסדרוק: גאנץ זאלסטו זיין ביי דיינע אלע פאסירונגען מיט דיין הייליקן באשעפער (רש"י הק').

„עם" הייסט „מיט", ד. ה. גאנץ זאלסטו זיין מיט דיין הייליקן באשעפער; פארבונדן מיט דיין הייליקן באשעפער.